YP 2655.51
Bind 18-19 1937-39

# די פֿעדער

## זאַמלשריפֿט

פֿאַר ליטעראַטור, קונסט און קריטיק

לכבוד

## אברהם רייזענס יובילײ

רעדאַקטאָר אהרן קאַרלין

עס נעמען אַנטייל

מיט אַרטיקלען, עסייען, אָפּשאַצונגען, כאַראַקטעריסטיקן, דעראינירונגען, דערציילונגען, לידער און רעצענזיעס.

דר. חיים זשיטלאָווסקי, מאַני לייב, א. לוצקי, ז. ווײַנפּער, נפתלי גראָס, א. טאַבאַטשניק, נחום י., ל. ראָזאָוו, שיינדל רייזען, שלום כ״ץ, מ. טאַבאַק, ב. טוטשינסקי, ראָזא נעוואַדאָווסקי, חיים פּעט, משה וויטיעס, מ. ווינאָגראַד, יואל סלאָנים, ירחמיאל צוקערמאַן, י. ש. פּרענאָוויץ, מאַקס מילטאָן, ראובן גראַנאָווסקי, שרה רייזען, דר. א. אייסען, ברוך בערנאַרד, אהרן קאַרלין, לאַמעד שאַפּירא, פּסח מאַרקוס, דוד איגנאַטאָוו, יוסף הלל לעווי, י. אַדלער און דער בעל היובל —
א ב ר ה ם ר י י ז ע ן.

נױ יאָרק, 1937

פּרייז פֿופֿציק סענט

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY
JAN 1974

10

# DIE FEDER—The Pen

***MONTHLY JOURNAL FOR LITERATURE, ART AND CRITICISM ....***

Published by a Group of Poets
Edited and Managed by AARON CARLIN

SUBSCRIPTION RATES: ONE YEAR $3.00 — SINGLE COPY 25 CENTS
220 East Eleventh Street, New York, N. Y.

1937 — ESTABLISHED MAY, 1919 — VOL. XVIII


# אינהאַלט:


זייט

דר. חיים זשיטלאָווסקי — אברהם רייזען. (עטלעכע געדאנקען וועגן זיין שאפן) — 2
אברהם רייזען — א נייער לידער רינג — 4
מאַני לייב — דער גוטער, באַם איסט ריווער, דער דיכטער (לידער) — 7
א. לוצקי — א בוים אן אָפּטימיסט (ליד) — 10
ז. וויינפּער — פּאָעט, מחילה (לידער) — 11
נפתלי גראָס — דער גענארטער (ליד) — 12
נחום י. — אברהם רייזען, דאָס אינגל ביים קוואַל, (לידער) — 13
ל. ראָזאָוו — אים, אין א זומער נאַכט (לידער) — 14
שיינדל רייזען — ביים פענסטער (ליד) — 15
שלום כּץ — אונטער א לויטערן הימל (דערציילונג) — 16
מ. טאַבאַק — ווי וועלט איז גרוים (ליד) — 19
ב. טוטשינסקי — דער סופריז פון אברהם רייזענס קונסט (אָפּשאַצונג) — 20
ראָזאַ נעוואַדאָווסקי — אברהם רייזען, ווי איך זע אים. (שטריכן פון זיין פּערזענלעכקייט) — 24
חיים פּעט — מאָמענטן מיט אברהם רייזען (דעראינערונג) — 26
משה וויטיעס — אברהם רייזען, דיכטער פון וועלט-פּאַרנעם (עסיי) — 28
מ. ווינאָגראַד — אַרגומענטן (ליד) — 32
יואל סלאָנים — לידער פון זיך — 33
ירחמיאל צוקערמאַן — רויטע קאַרשן (קינדער אָפּערעטע) — 36
י. ש. פּרענאָוויץ — שטויב (לידער) — 45
מאַקס מילטאָן — עס איז דאָ אזא ווייַ (ליד) — 52
ראובן גראַנאָווסקי — אברהם רייזען (דעראינערונגען און כאַראַקטעריסטיקן) — 53
שרה רייזען — איך האָב היינט דערזען דעם פרילינג (ליד) — 63
דר. א. אייסען — פיר סאָנעטן פון שעקספּיר — 63
ברוך בערנארד — באַנקראָט (דראַמע) — 65
אהרן קאַרלין — איבערבייט, געסט, וויסן, וועלט, ניט דער בלויז אליין (לידער) — 108
לאַמעד שאַפּיראָ — ברוך השם יום יום — 109
פּסח מארקוס — דער ערשטער — 110
דוד איגנאַטאָוו — א לויב — 112
אברהם רייזען — ליטעראַרישע רעוויו — 113
יוסף הלל לעווי — א בריוו צו די קריטיקער — 137
י. אדלער — וועגן א פסעוודאָנים — 139
אהרן קארלין — פון רעדאקטאר אליין — 143
רעדאקציאָנעלע נאָטיצן, ליטעראַרישע כראָניק — 144
ביכער דערהאלטן אין רעדאקציע.


בילדער: פון יובּילאַר און זיין פאַמיליע, פון יובּיליאַר און א גרופּע דיכטער. א קונסט-בילד פון יעפים ה. שערמאַן.

י. אַדלער

# אהרן צוקער — א. לוצקי

עס וועט, דענק איך, זיין אינטערעסאַנט פאַר די לייענער און הייסע חסידים פון דעם דיכטער א. לוצקי זיך צו דערוויסן דעם ערשטן אָנהויב זיינעם, זיינע ערשטע טריט אין דער אידישער ליטעראַטור, אין דער אידישער פּאָעזיע.

עס וועט זיי זיין אינטערעסאַנט צו וויסן ווי אהרן צוקער איז געוואָרן — א לוצקי; ווער עס האָט אים אָט דעם נאָמען געגעבן, און ווען האָט דאָס פּאַסירט, און וואָס פאַר א סאָרט לידער ער האָט דעמאָלט געשריבן.

דאָס איז געווען מיט א יאָר צוואַנציק צוריק. אין א פרייטיק פרי, אַרום צען אזייגער האָט זיך אין דער רעדאַקציע פון „פאָרווערטס" באַוויזן א יונגערמאַן מיט האַלב פאַרלאָשענע אויגן; מער פאַר'חלום'ט ווי פאַרלאָשן; מער גרויע ווי בלויע; א מין געמיש פון גרוי און בלוי — מאָגער, געל ווי וואַקס, מיט דינע פאַרשנירעוועטע ליפּן, אָן א טראָפּן בלוט אין זיי. זייער אָרעם געקליידט. אויפן ערשטן קוק האָט ער אויסגעזען ווי איינער וואָס חברט זיך מיט נאַכט און ווינט . . .

איך בין צוגעגאַנגען צו אים. ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט רחמנותדיקע אויגן. איך האָב, פון אָנהויב געמיינט, אַז ער איז נישט ביים פולן פאַרשטאַנד; אַז איך האָב דאָ צו טאָן מיט א צודרייטן מענטשן. איך בין י. אַדלער, ב. קאָוונער," האָב איך אים געזאָגט, „וואָס ווילט איר און וועמען זוכט איר?" ער האָט מיך באַטראַכט מיט זיין יום־כפור'דיקן פּנים און מאָדנע געשמייכלט:

— אזוי, איר זיינט דאָס י. אַדלער, דער דיכטער פון די זכרונות? איך האָב אייך געלייענט. — און ער האָט מיר געגעבן די האַנט: — עס פרייט מיך אייך צו קענען.

ער האָט זיך א ווײַלע פאַרטראַכט און מיך א פרעג געטאָן: — איז דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס" איצטער דאָ אין דער רעדאַקציע?

— ניין, — זאָג איך, — ער וועט היינט אין גאַנצן נישט זיין, ער איז ניט געזונט. וואָס טויג אייך דער רעדאַקטאָר?

און מיט א פאַרשטיקט קול, געמישט מיט טרערן, נעמט ער זיך קלאָגן פאַר מיר: — איך האָב אָנגעשריבן א פּאָר לידער, אָבער איך ווייס נישט צי זיי האָבן עפּעס א ווערט. בין איך שוין געווען אין א פּאָר רעדאַקציעס מיט זיי, אָבער קיינער וויל זיך מיט מיר נישט אָפּגעבן; מיר זאָגן: צי האָב איך עפּעס טאַלאַנט אָדער נישט; צי מעג איך אויף עפּעס האָפן, אָדער נישט. מען קוקט אויף מיר ווי אויף א קרענק, א נודניק; קיינער וויל מיר נישט שענקען קיין פּאָר מינוט — בין איך דאָס איצט געקומען זען דעם רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", אפשר וועט ער מיך אויסהערן, אפשר . . .

— אויב איר ווילט, קען איך איבערקוקן א פּאָר לידער אייערע, — האָב איך אים געזאָגט, — איר האָט זיי ביי זיך?

און דער יונגערמאַן נעמט אַרויס פון בוזעם קעשענע סך הכל איין ליד, געשריבן מיט דראָבנע אותיות און ניט עס מיר איבער ווי עס וואָלט געווען א דימענט. דאָס ליד האָט געטראָגן דעם נאָמען: „שיר השירים און קהלת". עס האָט אינגאַנצן געהאַט 24 שורות. איך לייען איבער דאָס ליד א פּאָר מאָל. ער שטייט און קוקט אויף מיר ווי אויף א רעטער; ווי איך קען אים מאַכן גרויס און אפשר נאָך גרעסער ווי גרויס . . . פון זיינע צוויי גרוי־בלויע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט צוויי טראַגעדיעס . . .

אונטערגעשריבן אונטער דעם ליד איז געווען: אהרן צוקער, זיין אמתער נאָמען.

— האָט איר זיך נאָך קיין איין מאָל נישט געדרוקט, הייסט עס? — האָב איך אים געפרעגט, — אין קיין צייטונג נישט?

— ניין, — האָט ער מיר געענטפערט און די שטימע זיינע האָט געציטערט; נערוועז געציטערט...

— אויב איר וועט מיר דערלויבן צו ענדערן די לעצטע צוויי שורות, וועל איך אייער ליד אָפּדרוקן אין מאָרגנדיקן „פאָרווערטס". אָבער איך וויל האָבן אייער צושטימונג צו דער ענדערונג; אָן דעם וועל איך דאָס ניט טאָן.

דער יונגערמאַן האָט מיט פרייד צוגעשטימט: — צופרידן, צופרידן! — האָט ער געזאָגט, — צופרידן; אַבי איך זאָל עס זען געדרוקט.

איך האָב באַלד אויסגעמעקט די לעצטע צוויי שורות פון זיין ליד און צוגעשטעלט אַנדערע און אויף מאָרגן, אין שבתדיקן „פאָרווערטס" איז אויף דער פערטער זייט, באַלד נאָכן עדיטאָריעל, אויבנאָן, געווען אָפּגעדרוקט אין גרויסע אותיות: „שיר השירים און קוהלת" אונטער זיין אמתן נאָמען „אהרן צוקער".

דאָס איז געווען דער אָנהויב פון דעם איצטיקן באַנאַבטן, אָריגינעלן דיכטער: „א. לוצקי!

אויף מאָרגן, שבת, ווען דער רעדאַקטאָר אב. קאַהאַן, איז געקומען אין דער רעדאַקציע און אָן עפּן געטאָן דעם „פאָרווערטס" און דערזען א ליד איז ער געבליבן פאַרגאַפט: „ווי קומט אהער אַזאַ ליד? און ווער האָט עס אַריינגעגעבן און ווער איז דאָס דער אהרן צוקער?

— לייענט פריער איבער דאָס ליד, — האָב איך געזאָגט, — דערנאָך וועל איך אייך אַלץ קלאָר מאַכן. דער עיקר איז: „אויב איך בין אַ מבין אויף פּאָעזיע.

דער רעדאַקטאָר האָט עס איבערגעלייענט און צוגעגעבן, אַז דאָס ליד איז גוט; אַז איך בין א מבין און מיך געבעטן: „אויב דער יונגערמאַן וועט ברענגען נאָך אַ ליד, זאָלט איר אים פאָרשטעלן פאַר מיר.

— זייער גוט! ער וועט דאַ זיין מאָנטיק, — האָב איך געזאָגט, — ער וועט ברענגען נאָך אַ ליד.

מאָנטיק איז דער אהרן צוקער געקומען שוין אַ צעשטראַלטער, אַ צופרידענער מיט אַ פייערל אין די אויגן און מיט אַ ליכטיקן שמייכל אויפן גאַנצן פנים און מיך באַדאַנקט פאַרן אָפּדרוקן דאָס ליד, אַזוי שיין און אָן אַ טעות און מיר דערלאַנגט אַ צווייט ליד, אויך פון 24 שורות.

איך האָב אים פאָרגעשטעלט פאַרן רעדאַקטאָר, דער רעדאַקטאָר האָט אים, מעשה גוטער ברודער, געגעבן די האַנט און אים אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע: „יונגערמאַן, אייער לידל איז מיר געפעלן, איר האָט אַ פונק טאַלאַנט, אָבער מען דאַרף דעם פונק פאַנאַנדערבלאָזן . . . שרייבט ווייטער און גיט אַלע אייערע לידער איבער צו אַדלערן, ער איז אַ גוטער ברודער, א מבין, און דער עיקר: ער האָט אַ סך געדולד . . . אָבער דער נאָמען אהרן צוקער איז נישט קיין פּאָעטישער . . . פון וואַנען קומט איר?

— איך קום פון לוצק, — האָט אהרן צוקער געענטפערט, — איך בין געבוירן אין לוצק.

— אויב אַזוי וועלן מיר נעמען דעם „אלף" פון אהרן און צושטעלן צום נאָמען פון אייער שטעטל און מיר וועלן אייך רופן א. לוצקי. עס קלינגט אַ סך שענער ווי אהרן צוקער.

— פונוואַנען וועט מען ווייסן, אַז א. לוצקי איז אהרן צוקער?

— נישט געזאָרגט! — האָט אים דער רעדאַקטאָר געטרייסט, — אַז איר וועט שרייבן גוטע לידער וועט א. לוצקי ווערן באַקאַנט; דער עיקר איז דאָס ליד, נישט דער נאָמען.

און אָט אַזוי איז באַשאַפן געוואָרן דער נאָמען א. לוצקי מיט צוואַנציק יאָר צוריק אין דער רעדאַקציע פון „פאָרווערטס" אין אַ פּראָסטן מאָנטיק.

שפּעטער האָט לוצקי אויך גענומען שרייבן קורצע לידלעך, הומאָריסטישע, פאַרן זונטיקדיקן „שטיף קינד" און אויך אין די לידלעך האָט ער אַרויסגעוויזן טאַלאַנט. אויף וויפיל איך קאָן זיך איצט דערמאָנען, האָט מען אים נישט באַצאָלט פאַר די לידלעך. עס איז נאָך דאַמאָלט נישט געווען איינגעפירט ביי די צייטונגען, אַז מען דאַרף אַ דיכטער באַצאָלן פאַר לידער. באַצאָלט האָט מען בלויז די דיכטער, וואָס האָבן שוין געהאַט אַ נאָמען, ווי אברהם רייזען, מאָריס

ראָזענפעלד, ה. ראָזענבלאַט און נאָך אַ פּאָר דיכטער פון יענער צייט.

אָבער נישט קיין אָנהויבער, ווי עס איז געווען אונדזער א. לוצקי.

אַ דריי חדשים נאָך אונדזער באַקאַנטשאַפט, האָט א. לוצקי זיך אַריינגעצויגן צו מיר; געוואָרן, הייסט עס, מיינער אַ באָרדער . . . און אַזוי ווי ער האָט פאַרדינט, אין יענער צייט, זיינע דריי דאָלאַר אַ וואָך, האָט ער פאַרלעבט אַלע זיינע פאַרדינסטן . . . און טאָמער האָט ער געקאָנט אָפּרייסן אַ דאָלאַר פאַר דירה געלט, האָט ער עס געטאָן; עס זאָל נישט הייסן, אַז ער וואוינט אומזיסט. איך פון מיין זייט האָב אָפּגעמאַכט מיט מיין פרוי: נישט אַרויסשטעלן אים פון דער דירה — קיין לענדלאָרד וויל איך נישט זיין . . .

און לוצקי האָט הפנים פאַרשטאַנען וואָס מיר טראַכטן, איז ער געווען כמעט אַ פרייער פויגל . . .

וואָס ער האָט געטאָן אום צו מאַכן אַ לעבן, פרעגט איר? — ער האָט פאַרקויפט פלעשעלעך כשר'ן בוימל אין די שפּייז־קראָמען — די ריכטיקע פרנסה!

די לידער, וואָס ער האָט געשריבן ביי מיר אין הויז, זיינען אַלע דורכגעגאַנגען דורך מיין האַנט. איך האָב זיך אָפּגעגעבן מיט אים זייער אַ סך: געפירט אים ווי אַ קינד און ער — האָט געפאָלגט. ער איז געווען אַ געהאָרכזאַמער תלמיד . . . יעדעס ליד איבערגעשריבן עטלעכע מאָל, געטאָקט, געשליפן און געזוכט די נויטיקע ווערטער.

איין מאָל האָט לוצקי אָנגעשריבן אַ ליד: „די אידישע חתונה". ווען איך האָב איבערגעלייענט דאָס ליד, בין איך ווי צוטומלט געוואָרן: נישט פאַר דער גרויסקייט, אָדער פאַר דער קלאַסישקייט פונעם ליד, נאָר פאַרן „צעמישן די יוצרות" פון די סטראָפן . . . עס איז געווען אַ אידישע חתונה, אָבער דער סוף איז אויסגעקומען אין מיטן; דער מיטן איז געווען דער אָנהויב; און דער אָנהויב איז אויסגעקומען פאַרן סוף . . . עס איז געווען אָנגעוואָרפן אָן אַ סדר. וואָס זשע האָב איך געטאָן? איך האָב אָפּסאָרטירט די סטראָפן און זיי אויסגעשטעלט נאָכן ריכטיקן סדר: דער צענטער סטראָף איז געוואָרן ביי מיר דער ערשטער; דער ערשטער איז געוואָרן דער פינפטער; דער פינפטער — דער ניינטער; דער ניינטער — דער זעכצנטער — אָט אַזוי כסדר. איך האָב אים, שפּעטער געהייסן איבערלייענען דאָס ליד ווי איך האָב עס אויסגעשטעלט, איז אים אַזש געקומען טרערן אין די אויגן פאַר פרייד! ער האָט ערשט דערזען פאַר זיך די ריכטיקע חתונה מיט אַן אָנהויב, אַ מיטן און אַ סוף . . .

פון יענעם ליד: די אידישע התונה", איז שפּעטער אַרויסגעקומען דאָס גרויסע ווערק: „אַ חתונה" (אין זיין ערשטן בוך).

אַזוי האָט לוצקי אָפּגעוואוינט ביי מיר אין הויז, אין וויליאַמסבורג, אַריבער אַ יאָר, ביז די גרויסע וועלט־מלחמה האָט זיך צובושעוועט און לוצקי איז „געדרעפטעט" געוואָרן און ער איז אַוועק אויף יענעם זייט ים „העלפן אַמעריקע אָפּשאַפן אַלע מלחמות"...

און דאָרט האָט אונדזער דיכטער געזען ווי יונגע מענטשן ווערן פאַרשניטן ווי זאַנגען אויפן פעלד; ווי מענטשלעכע לעבנס ווערן אויסגעלאָשן אין די טויזנטער, אין די הונדערט־טויזנטער.

ער האָט געזען ווי דער טויט שפּרייזט אַרום און פאַרניכטעט לעבנס, האָט דאָס אויף אים אַזוי געווירקט, אַז ער האָט אָפּגעמאַכט מיט זיך: צו רייצן זיך מיטן מלאך המות: — ער וועט טאָן פונקט פאַרקערט; ער וועט אַריינבלאָזן לעבן אין אַ טויטער וועלט . . .

און זיין דיכטונג האָט, נאָך דער מלחמה, אָנגענומען אַ נייע ווענדונג: ער האָט גענומען שאַפן אויף אַ נייעם שטייגער; אויפגעכאַפּט נייע טעמעס; נייע פאָרמען; נייע וועגן — אַנדערש . . .

— און א. לוצקי איז אַנדערש ווי אַלע אַנדערע דיכטער אין אונדזער ליטעראַטור.

און זיין אַנדערש איז אַ גרויסע דערגרייכונג; נישט אַלע דיכטער קענען עס דערגרייכן . . .

יאָ, איך בין שטאָלץ מיט מיין גרויסן תלמיד!